בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

נָאכְ'ן הֶערְן שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּעוֹת אוֹיפְ'ן חָתָן, זָאלְן מִיר אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ?..................................................................א

קֶען מֶען טַאנְצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אִינְדֶערְהֵיים אוּם שַׁבָּת?...............ג

וִוי אַזוֹי טוּ אִיךְ תְּשׁוּבָה אַז אִיךְ הָאבּ צֶערִיסְן גִלְיוֹנוֹת אוּן פַארְשֶׁעמְט מְפִיצִים?.............................................................ו

זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין מַאן וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיר?........................ז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

נוּץ דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה ..........................................................א

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן ...............ד

גֵיין אִין מִקְוֶה אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן אִין דִי נַיין טֶעג ........................ד

דְרֵייוְון דִי בָּאסֶעס גֶעלַאסְן אוּן נָאר לוֹיטְ'ן גֶעזֶעץ.............................ו

אַ בֶּעדִינְג סוּט פַאר אַ פְרוֹי אִיז אַ פְּרִיצוּת'דִיגֶע זַאךְ ........................ו

אַלֶע קִינְדֶער פוּן קְלַאס דַארְפְן בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער ...................ז

בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד ...........................ח

אַרָאפְּגֶענוּמֶען אִיבְּרִיגֶע שָׁעוֹת פוּן דִי אַרְבֶּעט ..........................ט

וֶוען מֶען וָואלְט גֶעהַאט יִשּׁוּב הַדַעַת, וָואלְט מֶען זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..........................י

נִישְׁטָא פַארְוָואס צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג ..........................י

אַז מֶען וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וֶוער מֶען אִיז, קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי פַּרְנָסָה..............................יא

נֶעם נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען דַיין בַּעַל הַבַּיִת שְׁרַייט אוֹיף דִיר ..........יב

אַרַיינְשְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ
זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְצוּפְרִישְׁן ........................................ יג

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן תַּכְלִית ........................................ יג

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעקִילְט ........................יד

דִי שִׁיעוּרִים שְׁלֶעפְּן צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ טו

דִי סְגוּלָה פוּן וַויין וָואס אַ צַדִיק הָאט גֶעקוּקְט דֶערוֹיף ..................טו

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן ... טז

אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין ......................יז

דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין נָאנְט, דוּ וֶועסְט פַארְגֶעסְן אִינְגַאנְצְן פוּן דִי צָרָה .....יח

מִיטְ'ן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְּן
וֶוערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער ........................................ יט

אַ פְרִישֶׁע מִקְוֶה טָהֳרָה מִיט אַלֶע דִקְדוּקִים אוּן אַלֶע הִדוּרִים .......... יט

דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן...כ

ווארוּיל אִיז פַאר אַ פְרוֹי וָואס שֶׁערְט זִיךְ אָפּ ........................ כא

זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן אוּן עֶנְטְפֶערְן ........................................ כא

נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זִיךְ, נָאר מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער ....................כב

אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶוערְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן
אֵיין שְׁטִיק פְּרָאבְּלֶעם ........................................ כג

נִישְׁטָא קַיין שׁוּם תֵּירוּץ פַאר אַ מְלַמֵד צוּ קוּמֶען שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר .....כד

מִיר בֶּעטְן אוּן מִיר הָאפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן
צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן ........................................כה

מִיט אַ חַבוּרָה הַאלְט מֶען זִיךְ פְּרִישׁ בַּיים רֶבִּי'ן ........................כו

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ עֶסְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִינְדֶערְהֵיים
מִיט דִי מִשְׁפָּחָה ........................................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## נָאכ׳ן הֶערְן שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּעוֹת אוֹיפְ׳ן חָתָן, זָאלְן מִיר אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן אוֹיךְ מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּב הָאלְט מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוְו, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר אַלֶע חִיזוּק.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ שְׁרֶעקְלִיךְ פַּארְלוֹירְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף אִיךְ עֶס הַאלְטְן בְּסוֹד.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַז מַיין טָאכְטֶער אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב, אוּן לוֹיט אַלֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אִיז דֶער חָתָן מַמָּשׁ אַ כְּלִיל הַמַּעֲלוֹת, אַ מַתְמִיד אוּן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעווִאוּנְטְשְׁן פַאר אוּנְזֶער טֵייעֶרֶע טָאכְטֶער.

עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דֶער זְמַן הַחֲתוּנָּה אוּן מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיט דֶעם בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶר דְרֵיידְט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אוּן הָאט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַ סְמַארְטְפָאוֹן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין וֶועג עֶס מְבָרֵר צוּ זַיין גֶעהֶערִיג, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין לְשׁוֹן הָרָע, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, ווִי אַזוֹי וֶועלְן מִיר צוּזֶען אוּנְזֶער טֵייעֶרֶע טָאכְטֶער, וָואס הָאט קֵיינְמָאל קֵיין שַׁיְיכוּת נִישְׁט גֶעהַאט צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן בִּכְלַל, זִי אִיז אַזוֹי אֵיידֶל אוּן עֶרְלִיךְ, אַ רֵיינֶע זוּיבֶּערֶע נְשָׁמָה, זִי הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּקְט אִין אַ קָאמְפְּיוּטֶער אָדֶער אִין אַ טֶעלֶעפָאן - ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִי אַרַיינְדְרֵייעֶן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶער חָתָן?

אִיךְ שְׁלָאף נִישְׁט קֵיין נֶעכְט אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי זִיךְ, ווַייל אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין

טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר אִיז עֶס נִישְׁט אֱמֶת, אָבֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶס יָא אֱמֶת?' וָואס טוּט מֶען דָא? אִיךְ טָאר נִישְׁט וַוייזְן פַאר מַיין טָאכְטֶער אַ שְׁוַואכְקֵייט, אָבֶער אִיךְ פִּיל נִישְׁט וִוי אִיךְ מֶעג אִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין דִי הֶענְט פוּן אַ מְפוּקְפָּק'דִיגֶער בָּחוּר.

בִּיטֶע רַאטֶעוֶועט מִיר וַוייל אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ טְרָאג עֶס נִישְׁט אַרִיבֶּער; זָאל מֶען אָפְּשְׁטוּפְּן דִי חֲתוּנָה בִּיז זַאכְן וֶוערְן קְלָאר? זָאל מֶען אָפְּלָאזְן דִי שִׁידוּךְ מִסָּפֵק? וָואס טוּ אִיךְ דָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אַזַא סֶענְסֶעטִיוֶוע פְרַאגֶע וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן דֶער נָאנְט; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער דֶער פְּרֶעגֶער אִיז, וֶוער דֶער חָתָן אוּן דִי כַּלָּה זֶענֶען.

פוּן אוֹיסְנְוֵוייְנִיג אִיז דֶער תְּשׁוּבָה אַז מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ, מֶען זָאל גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט שִׂמְחָה. עֶס אִיז נִישְׁט קְלָאר אַז דֶער חָתָן אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ, אִיר הָאט דָאךְ בַּאקוּמֶען גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז כְּלִיל הַמַּעֲלוֹת; דָאס אַז אִיר הָאט זִיךְ דֶערְוְוּיסְט אַז עֶר הָאט אַ טֶעלֶעפָאן מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז אַ קַאלִיקֶער, נִישְׁט יֶעדֶער וָואס הָאט אַ טֶעלֶעפָאן קוּקְט עֲבֵירוֹת; זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים הָאבְּן טֶעלֶעפָאוֹנְס וַוייל עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַארְ'ן לֶעבְּן, זֵיי לֵייגְן אַרוֹיף אַ גוּטֶע פִּילְטֶער נִישְׁט אָנְצוּקוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת; מֶען צֶעבְּרֶעכְט נִישְׁט אַ שִׁידוּךְ צוּלִיבּ דֶעם.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין אַ וֶועלְט מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; מִיט דִי הַיינְטִיגֶע טֶעכְנֶעלָאגְיֶע קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ אַרָאפְּפַאלְן אִין אַ טִיפֶע אָפְּגְרִינְד. מִיר הָאבְּן דִי עֲבֵירוֹת פוּן דוֹר הַמַּבּוּל אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי דוֹר הַפְלָגָה - נִיאוּף, כְּפִירָה וְאַפִּיקוֹרְסוּת; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ זֶען וִוי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט, מִשְׁפָּחוֹת גֵיין צוּגְרִינְד, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, תְּפִלָּה אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אִין דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבַד", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וֶוען מִיר וֶועלְן זַיין אִין גָלוּת, אָן קַיין קֶענִיג, אָן קַיין נָבִיא, אָן קַיין כֹּהֵן גָּדוֹל אוּן אָן קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

מֶען דַארְף בֶּעטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער, פַאר דִי יוּנְגֶע אוּן אוֹיךְ פַאר דִי עֶלְטֶערֶע. אִיר זָאלְט דַאוֶוענֶען פַאר דֶעם חָתָן אוּן כַּלָּה אוּן אוֹיךְ פַאר דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, סֵיי דִי וָואס הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן סֵיי דִי יוּנְגֶע וָואס הֵייבְּן עֶרְשְׁט יֶעצְט אָן דִי לֶעבְּן. מֶען קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אָן קַיין טֶעלֶעפָאן, אָן דִי כֵּלִים, אוּן נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן קוּמֶען אָן נִסְיוֹנוֹת, פְּלוּצְלוּנְג הֵייבְּט מֶען אָן מֵקִיל זַיין אִין דֶעם, מֶען קוּקְט נָאר דָאס, נָאכְדֶעם קוּקְט מֶען נָאר יֶענְץ, בִּיז מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶעשְׁלֶעפְּט, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט פוּן אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי שִׂמְחָה זָאל זַיין בִּשְׁלֵמוּת, דִי חָתָן כַּלָּה זָאלְן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי זֵיי, עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן פוּן זֵיי עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

...

## קֶען מֶען טַאנְצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אִינְדֶערְהֵיים אוּם שַׁבָּת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוְו, סֵיי עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריְקַייטְן אוּן סֵיי עֶס גֶעבְּט מִיר אַ קְלָארֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין פָארְאוֹיס.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, הֱיוֹת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט אַסַאךְ וֶועגְן זַיין פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת, מַאכְן לֶעבֶּעדִיג אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אָנְצוּהֵייבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן וֶוען אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן מִיר טַאקֶע אַ פְּרֵיילִיכֶע לֶעבֶּעדִיגֶע סְעוּדָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּן יֶעדֶער הָאט הֲנָאָה. אַסַאךְ מָאל וֶוערְט אַזוֹי פְּרֵיילִיךְ בַּיי אוּנְזֶער סְעוּדָה אַז אִיךְ וִויל טַאנְצְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ עֶס פַּאסְט אוּן עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ טַאנְצְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִינְאֵיינֶעם; וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת, אֵיינְמָאל פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "הַאַתָּה שָׂמֵחַ בְּשַׁבָּת", בִּיסְט פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת? הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶוער אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר עֶרְנְסְט", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "לֹא כָּךְ הוּא, הָעִקָּר הוּא שִׂמְחָה", שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ. דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר טֵייעֶר, עַיֵּין שָׁם.

בְּעִיקָר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ בַּיי דִי סְעוּדָה, וַוייל דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (יִתְרוֹ, פד.): "רַבִּי אַבָּא כַּד הֲוָה יָתִיב בִּסְעוּדָתָא דְשַׁבְּתָא הֲוָה חָדֵי בְּכָל חַד וְחַד", רַבִּי אַבָּא וֶוען עֶר אִיז גֶעזִיצְן בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; קוּק אַרַיין דִי שְׁטִיקְל זוֹהַר וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן בַּיי דִי סְעוּדָה, וואוּ עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פְלֶעגְן עֶסְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת

מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פְרֵייד, ווייל די סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז מַשְׁפִּיעַ אֱמוּנָה פַאר זִיךְ, פַאר דִי שְׁטוּב אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת; עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר אִיז מִיט אַ קָאפּ הֶעכֶער פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען טַאנְצֶעדִיג אַ גַאנְץ שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען טַאנְצְט שַׁבָּת.

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער אוּן טַאנְץ מִיט זֵיי בַּיי דִי סְעוּדָה; קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ וֶוען מֶען טַאנְצְט, קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ שִׂמְחָה; אַז מֶען ווייזְט פַאר דִי קִינְדֶער אַ פְרֵיילִיכֶע תּוֹרָה, אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת, פְרֵיילִיכֶע מִצְוֹת - וֶועלְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד׳ אוֹת ה): ״עֶס הָאט אַ פָּנִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ נָאר אַז מֶען מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ״; לִכְאוֹרָה, וִוי אִיז שַׁיָּיךְ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן? מִיר דַארְפְן זִיךְ דָאךְ פִירְן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן וֶועלְן אַלֶע זָאגְן וָואס מֶען זָאגְט שׁוֹין וְכוּ׳; נָאר דָאס גֵייט אַרוֹיף אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן מִיט דִי קִינְדֶער, זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, מַאכְן פְרֵיילִיכֶע זַאכְן וָואס קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ.

אוֹיךְ דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וֶוען עֶס הֶערְשְׁט שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט טַאנְצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער בִּשְׁעַת דַיין ווייבּ וֶועט זִיצְן אִין דִי זַייט, זִי וֶועט קְוֶועלְן פוּן שִׂמְחָה זֶעעֶנְדִיג וִוי דוּ טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער - דָאס וֶועט מַאכְן מֶען זָאל זִיךְ אִיבֶּער בֶּעטְן, מֶען זָאל זַיין בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי טוּ אִיךְ תְּשׁוּבָה אַז אִיךְ הָאבּ צֶערִיסְן גִּלְיוֹנוֹת אוּן פַארְשֶׁעמְט מְפִיצִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אוֹיף מִיר לִיגְט דִי אַחְרָיוּת זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַאכְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז אִיךְ טוּ עֶס לְשֵׁם שָׁמַיִם; עֶס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶערְט אַז מֶען בְּרֶענְגְט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר זַאכְן צוּ אוּנְזֶער קְהִילָה, אוּן דֶערִיבֶּער פְּלֶעג אִיךְ צֶערַייסְן דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן פַארְשֶׁעמֶען דִי וָואס בְּרֶענְגֶען דִי קוּנְטְרֵסִים, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אַז אִיךְ טוּ אַ גוּטֶע זַאךְ.

בִּיז פָארִיגֶע וָואךְ, וֶוען יַד ה' הָיְתָה בִּי, מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, זִי דַארְף אַ גְרוֹיסֶע רְפוּאָה; אִיךְ הָאבּ אַ קִינְדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ, מַיין עֶלְטְסְטֶע אִיז נָאךְ נִישְׁט צֶען, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג דֶערִין, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶע'רוֹדְפְ'ט אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן אוּן צֶערִיסְן דִי גִּלְיוֹנוֹת. אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ; אִיךְ וֵוייס אַז אִין בְּרֶסְלֶב קֶען מֶען הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ וִויל פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי זוּךְ אוֹיף אַלֶע מְפִיצִים וֶועם דוּ הָאסְט מְבַזֶּה גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן בָּרַבִּים אוּן בֶּעט זֵיי אִיבֶּער. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, זָאלְסְט אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן פַארְ׳ן צֶערַייסְן זַיינֶע סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה פַאר דַיין וַוייבּ בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

...

## זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין מַאן וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן, עֶס גֶעבְּט מִיר חַיוּת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין צוּ פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אוּן עֶס מַאכְט לִיכְטִיג מַיין לֶעבְּן. אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאזוּנְדֶער בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דָאס אִיז מַיין וֶועג וַוייזֶער; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם, אוּן אוֹיךְ וֵויין אִיךְ אִין דֶעם; יֶעדֶע בְּרִיוו רֶעדְט פּוּנְקְט צוּ מִיר אוּן וַוייזְט מִיר ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט כְּסֵדֶר אַז מַאן אוּן וַוייבּ דַארְפְן זַיין אָפְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אַרוֹיסְזָאגְן זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס גֵייט אוֹיךְ אוֹיף עֶפֶּעס וָואס קֶען נֶעמֶען אַ לֶענְגֶערֶע צַייט צוּ טוֹישְׁן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל קוּקְן מָאוויס אוּן פַארבְּרֶענְגֶען זֵייעֶר אַסַאךְ צַייט אוֹיפְ'ן טֶעבְּלֶעט? אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארק הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער מַאן אוּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, מֶעג אִיךְ אִים זָאגְן אַז עֶס מַאכְט מִיר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג וֶוען אִיךְ זֶע אִים זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן?

אִיךְ בֶּעט אָן אַ שִׁיעוּר תְּפִילוֹת אוֹיף דֶעם אוּן אִיךְ פְּלַאן נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן, אִיךְ פִּיל אַזוֹי שְׁלֶעכְט פַאר אִים אַז עֶר אִיז אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין דֶעם, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ פְרוֹי, מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה - קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִיר מַאן עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת, וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ, אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ צַדֶיקֶת אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט

גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע'גֶט, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַּאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", וְוידֶער דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַּאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי.

אַז מֶען וִויל זָאגְן מוּסָר - מוּז דָאס זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט וָואס גֶעשֶׁעט וֶוען מֶען זָאגְט מוּסָר אָן לִיבְּשַׁאפְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח): "כְּשֶׁהַמּוֹכִיחַ אֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ", וֶוען מֶען זָאגְט מוּסָר אִיז דָאס זֵייעֶר אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, וַוייל אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, "אֲזַי לֹא דַי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל בְּתוֹכַחְתּוֹ, אַף גַּם הוּא מַבְאִישׁ רֵיחַ שֶׁל הַנְּשָׁמוֹת הַשּׁוֹמְעִים תּוֹכַחְתּוֹ", נִישְׁט נָאר מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף מִיט דִי מוּסָר, נָאר מֶען מַאכְט גָאר עֶרְגֶער, מֶען מַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "כְּמוֹ כְּשֶׁמֻּנָּח אֵיזֶה דָּבָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ רֵיחַ שֶׁאֵינוֹ טוֹב, כָּל זְמַן שֶׁאֵין מְזִיזִין אוֹתוֹ הַדָּבָר, אֵין מַרְגִּישִׁין הָרֵיחַ רַע", אַזוֹי וִוי עֶס לִיגְט אַ זַאךְ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע גֶערוּךְ, וִוילַאנְג מֶען לָאזְט דָאס שְׁטֵיין, מֶען רוּקְט דָאס נִישְׁט - שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "אֲבָל כְּשֶׁמַּתְחִילִין לְהָזִיז אוֹתוֹ הַדָּבָר אֲזַי מְעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע", אָבֶּער וֶוען מֶען הֵייבְּט דָאס אָן רִירְן הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "כְּמוֹ כֵן עַל יְדֵי תּוֹכָחָה שֶׁל מִי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ, עַל יְדֵי זֶה מְזִיזִין וּמְעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע שֶׁל הַמַּעֲשִׂים רָעִים וּמִדּוֹת רָעוֹת שֶׁל הָאֲנָשִׁים שֶׁמּוֹכִיחָם, וְעַל כֵּן הוּא מַבְאִישׁ רֵיחָם", אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן מוּסָרְ'ן - מַאכְט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וֶועם עֶר מוּסָר'ט, "וְעַל יְדֵי זֶה הוּא מַחֲלִישׁ אֶת הַנְּשָׁמוֹת שֶׁלָּהֶם וְעַל יְדֵי זֶה נִפְסָק הַשֶּׁפַע מִכָּל הָעוֹלָמוֹת הַתְּלוּיִים בְּאֵלּוּ הַנְּשָׁמוֹת", דוּרְכְדֶעם מַאכְט עֶר חָרוּב דִי מֶענְטְשְׁן, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן זֵיי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען זָאגְט מוּסָר; נָאר דֶער

וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - דֶער מֶעג זָאגְן מוּסָר. דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוען עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן הִימְל אוּן גֶעזֶען ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי עֵגֶל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאכְאַלְץ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אִיר זָאלְט תְּשׁוּבָה טוּן".

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָּאר, מֶען שְׁטֵייט בַּיים בַּארְג סִינַי, מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר דִי אִידְן: "אִיךְ גֵיי אַרוֹיף אִין הִימְל פַאר פֶערְצִיג טֶעג, וַוארְטְס אוֹיף מִיר דָא", אוּן דִי עֵרֶב רַב זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן אִיבֶּערְגֶערֶעדְט דִי אִידְן זֵיי זָאלְן מַאכְן אַן עֵגֶל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, סִימָן כ) דִי אִידְן הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קוּמְט אַרָאפּ פוּן הִימְל אוּן זֶעט וָואס דָא גֵייט פַּאר, זָאגְט עֶר פַאר דִי אִידְן (גִּיטִּין לו:): "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאכְאַלְץ לִיבּ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, יב): "נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ, וְלֹא כְּתִיב הִסְרִיחַ"; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן מוּסָר.

נִישְׁט נָאר אִיר מֶעגְט זַיין אָפְּן מִיט אַייעֶר מַאן, נָאר אִיר זָאלְט זַיין אָפְּן; אִיר מֶעגְט אִים זָאגְן פוּן צַייט צוּ צַייט אַז עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ צוּ הָאבְּן דִי זַאכְן אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער דָאס וֶועט נָאר אוֹיפְטוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז אִיר הָאט אִים נָאכְאַלְץ לִיבּ, נָאר אַזוֹי וֶועט עֶס אוֹיפְטוּן.

אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיין, ווֵייךְ, מִיט הַארְץ, אַז אִיר ווִילְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, נִישְׁט אַ אִידִישְׁיסְטִישֶׁע שְׁטוּבּ; אַז מֶען עֶסְט שַׁבָּת קוּגְל מִיט גֶעפִילְטֶע פִישׁ - הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען עֶסְט לֵיל שִׁישִׁי טְשָׁאלְנְט אוּן מֶען זִינְגְט אִידִישֶׁע נִיגוּנִים - נִישְׁט דָאס אִיז אַ הֵיימִישֶׁע שְׁטוּבּ, אוֹיבּ מֶען ווִיל הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן אַ רָב וֶועם מֶען הֶערְט אוֹיס, וֶועם מֶען פָאלְגְט; מֶען דַארְף הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד עֶר זָאל אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי שְׁטוּבּ, וָואס בְּרֶענְגְט מֶען יָא אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אוּן וָואס בְּרֶענְגְט מֶען נִישְׁט אַרַיין, וָואס אִיז אַ סַכָּנָה אוּן וָואס אִיז אַ מִנְהָג וְכוּ' וְכוּ'; נָאר אַזוֹי צִיט זִיךְ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

פַאר זֶעכְצִיג יָאר צוּרִיק הָאבְּן דִי צַדִיקִים גֶעשְׁטוּרֶעמְט מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין טֶעלֶעוִויזְשְׁן, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט נָאךְ צַדִיקִים הָאט גֶעלִיאַרֶעמְט אוּן גֶעפַייֶערְט מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ דִי זַאכְן, דֶעמָאלְט זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלוּג, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט 'מִיר זֶענֶען חֲסִידִי'שֶׁע אִידְן, מִיר עֶסְן קוּגְל מִיט גֶעפִילְטֶע פִישׁ, מִיר עֶסְן קְרוֹיט מִיט קְרֶעפְּלֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', טֶעלֶעוִויזְשְׁן אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וִוי מֶען מַאכְט עֶס'; לְמַעֲשֶׂה יֶעצְט וֶוען עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער זֶעכְצִיג יָאר, זֶעט מֶען וָואס אִיז מִיט זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת; וואוּ זֶענֶען זֵיי? מֶען קֶען טְרֶעפְן גֶעצֵיילְטֶע אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס גֵייעֶן זוּנְטָאג נָאכְמִיטָאג פַאר אַ שָׁעָה אִין אַ אִידִישֶׁע סְקוּל וואוּ מֶען לֶערְנְט אוֹיס וָואס מֵיינְט אַ מְנוֹרָה וְכוּ', אוּן דִי אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִויסְט צוּפִיל חָכְמוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט צַדִיקִים זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ דִי זַאכְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם - זֵיי הָאבְּן קִינְדֶער, אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיר מֶעגְט רֶעדְן אוּן אִיר זָאלְט רֶעדְן מִיט אַייעֶר מַאן; אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שַׁיין, וֵוייךְ, מִיט הַארְץ - וֶועט עֶר אַייךְ אוֹיסְהֶערְן. עֶר וִויל דָאךְ אוֹיךְ זַיין גוּט, עֶס אִיז אִים נָאר שְׁוֶוער, עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי זַאכְן וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר נִישְׁט אָפְּלָאזְן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אִיר זֶענְט אַלֵיינְס אִין שְׁטוּבּ זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַייעֶר הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אִיר זָאלְט זוֹכָה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער.

וֶוען אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואלְטְן גֶעוִויסְט וָואס זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוּט אוֹיף, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דִי זַאךְ פוּן בֶּעטְן; תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נוּץ דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זָאלְסְטוּ לֵייגְן אִין דִי ׳קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה׳ דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן דִי נַאכְט פוּן זַיין חֲתוּנָה מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי מַעֲשֶׂה אוֹיף אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער; אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין דִי מַעֲשֶׂה דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קְדוּשָּׁה און פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וַוייל ווִי דוּ וֵוייסְט דָאךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ בַּיי אַסַאךְ עֶלְטֶערְן צוּ רֶעדְן קְלָאר צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה; רוֹב עֶלְטֶערְן רֶעדְן נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֵייגְן דִי הֶענְט בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, מֶען זָאגְט נִישְׁט אָן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנִיוָולִים, און אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט - קֶען מֶען אַרָאפְּפַאלְן אִין פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד, און אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יְסוֹד גֵייט אַלֶעס חָרוּב.

אִיךְ הָאף אַז דִי עֶלְטֶערְן וָואס לֵיינֶען פָאר פַאר דִי קִינְדֶער דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן ״קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה״, וֶועלְן הָאבְּן אַ פֶּתַח ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן הֵיילִיג און רֵיין.

אַ גוּטְן טָאג קִינְדֶערְ׳לֶעךְ, מֶען גֵייט יֶעצְט דֶערְצֵיילְן דִי ״קִינְדֶער עֲצָתוֹ

אֱמוּנָה״; אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּם טִישׁ, אַלֶע וַוארְטְן שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט דוּרְשְׁט, וֶוען גֵייט טַאטִי טַאטִי אוּן מַאמִי דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן לֵיינֶען דִי ״קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה״; עֶר וֶוערְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶר זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: ״דִי וָואךְ דַארְפְט אִיר זִיךְ גוּט צוּהֶערְן, עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ״.

דֶער טַאטֶע פְרֶעגְט: ״קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה פַאר׳ן מֶענְטְשׁ?״ דִי קִינְדֶער ווִילְן הֶערְן וָואס, פוּן וָואס דַארְפְן מִיר זִיךְ הִיטְן? וָואס קֶען אוּנְז לֵייגְן אִין אַ סַכָּנָה? דֶער טַאטֶע זָאגְט: ״אֵיידֶער אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶנְטְפֶערְן דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע, ווִיל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן נָאךְ אַ פְרַאגֶע, וֶוער וֵוייסְט ווִיפִיל יָאר אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט?״ אוּן דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן דֶערְצֵיילְן:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן דְרַייצְן יָאר, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג, בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה; גְלַייךְ נָאךְ זַיין בַּר מִצְוָה אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ חָתָן אוּן אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעוֶוען דִי חֲתוּנָה, דִי כַּלָּה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, זִי הָאט גֶעהֵייסְן סָאשְׁיָא, אַ טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי אֶפְרַיִם פוּן שְׁטָאט זַאסְלַאב.

ווִיבַּאלְד דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּ אַ נַייעֶ שְׁטָאט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט ווִיסְן וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער פוּן אוּסְיַאטִין זֶענֶען גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זִיךְ חַבְרְ׳ן מִיט קִינְדֶער וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת, וַוייל אוֹיבּ מֶען חַבֶרְ׳ט זִיךְ מִיט קִינְדֶער וָואס רֶעדְן מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן מִיט גֶעשְׁלֶעפְּט מִיט זֵיי, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא קִינְדֶער וָואס זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי כַאפְּן זִיךְ אָן דָארְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט (דֶער טַאטֶע זָאל גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר דִי קִינְדֶער וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט), זֵיי מֵיינֶען מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי קִינְדֶער פוּן דִי שְׁטָאט אוּסְיַאטִין, הָאט

דֶער רֶבִּי גֶעזוּכְט צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער וֶוער עֶס אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ קִינְד מִיט'ן נָאמֶען שִׁמְעוֹן, דֶער רֶבִּי לוֹיפְט צוּ אִים אוּן מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ עֶר וִויל נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ, עֶכְט אִיז דֶער רֶבִּי שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען אוֹיב שִׁמְעוֹן וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אוֹיב שִׁמְעוֹן וִויל זַיין גוּט; הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר וִויל נִישְׁט זַיין גוּט, דֶער אִינְגֶל שִׁמְעוֹן פוּן אוּסְיַאטִין הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר'ן רֶבִּי'ן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ? דוּ ווִילְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַלֶע טוּעֶן?" רוּפְט זִיךְ אָן שִׁמְעוֹן: "אִיךְ בִּין אַ תַּם, אִיךְ הָאב לִיב תְּמִימוּת", דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מִיר וֶועלְן זַיין נָאנְטֶע חֲבֵרִים". דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶערוּפְן אִין אַ זַייט אוּן אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן זֶען אוֹיב עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען פּוֹגֵם אוּן טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען זַיין נֵייעֶר עֶרְלִיכֶער חָבֵר שִׁמְעוֹן אוּן אַרוֹיס מִיט אִים אִין פֶעלְד, עֶר הָאט דָארְט מִיט אִים גֶערֶעדְט וִוי גוּט עֶס אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִוי נַארִישׁ דִי וֶועלְט אִיז, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאב דָאךְ הַיינְט חֲתוּנָה, דַארְף אִיךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ גוּט צוּגֶעהֶערְט צוּ זַיין נֵייעֶר חָבֵר - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיב אַ חָבֵר נֶעמְט דִיר אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן עֶר וִויל דִיר אָנְכַאפְּן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אַוֶועק לוֹיפְן פוּן אִים! אוֹיב אֵיינֶער וִויל דִיר אָנְרִירְן בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן: "גִיוַואלְד! רַאטֶעוֶועט!" זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן, וַוייל אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ לָאזְן וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער. נֶעם אַ גוּטֶער חָבֵר מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן, לוֹיפְן, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען. קִינְדֶער וָואס רֶעדְן

אֵיידְל, מִיט זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ חַבֶר'ן; דֶעמָאלְט וֶועט אִיר אַלֶע אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַּאר קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין כְּלַל אִין דֶעם, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דַיין וַוייבּ; אַז זִי וִויל שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן זֵייגְן קֶען זִי אוֹיפְהֶערְן און גֶעבְן בָּאטְלֶעךְ, אָדֶער קֶען זִי מַאכְן בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם.

אַז דָאס קִינְד הָאט שׁוֹין אַ צֵיין און עֶס טוּט וֵויי וְכוּ'; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען אוֹיסְלֶערְנֶען. וֶוען דָאס קִינְד גֶעבְּט אַ בַּייס גֶעבְּט מֶען אַ פַּאטְשׁ, מֶען זָאגְט: "מֶען טָאר נִישְׁט בַּייסְן", אַזוֹי טוּט מֶען אֵיינְמָאל, צְוֵויי מָאל - בִּיז דָאס קִינְד לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס נִישְׁט צוּ בַּייסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֵיין אִין מִקְוֶה אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ און אִין דִי נַיין טֶעג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט:

"מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶעכֶנְגֶען קֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶעכֶנְגֶען".

בְּנוֹגֵעַ גֵיין שַׁבָּת אִין מִקְוֶה וְכוּ'; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין שַׁבָּת אִין מִקְוֶה. מִיר נֶעמֶען אָן דִי שִׁיטוֹת אַז מֶען קֶען זִיךְ טוֹבֵל'ן אֲפִילוּ אִין הֵייסֶע וַואסֶער אַז מֶען הָאט אִינְזִין לְשֵׁם טְבִילָה. דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶע'אָסְר'ט אִיז נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין לְשֵׁם טְבִילָה (קָרְבַּן נְתַנְאֵל שַׁבָּת סִימָן כב, אוֹת ק; נוֹדָע בִּיהוּדָה מַהֲדוּרָה תִּנְיָינָא, אוֹרַח חַיִּים, סִימָן כד; וְעוֹד).

אוֹיךְ אִין דִי נַיין טֶעג זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן אַז דוּ שְׁוִויצְט זֵייעֶר שְׁטַארְק - קֶענְסְטוּ זִיךְ אָפְּוַואשְׁן בַּיי דִי פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז דִיר פַארְשְׁוִויצְט. דֶער אִיסוּר רְחִיצָה אִין דִי נַיין טֶעג אִיז אוֹיף רְחִיצָה פַאר תַּעֲנוּג, אָבֶער אַרָאפְּנֶעמֶען דִי שְׁוֵייס - דָאס זֶענֶען דִי פּוֹסְקִים מַתִּיר (עַיֵּין נִטְעֵי גַבְרִיאֵל בֵּין הַמְּצָרִים פֶּרֶק מב, אוֹת ד; פֶּרֶק ע, אוֹת ה).

ווייל אִיז דֶעם וָואס גֵייט אִין מִקְוֶה, וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת כב.): "מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁתְּבָעוֹ אִשָּׁה לִדְבַר עֲבֵירָה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעוָואלְט טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אַ מֵיידְל, הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֵיקָא, יֵשׁ לְךָ אַרְבָּעִים סְאָה שֶׁאַתָּה טוֹבֵל בָּהֶן", דוּ לֵיידִיגְגֵייעֶר, הָאסְט דֶען אַ מִקְוֶה וואוּ זִיךְ צוּ טוֹבֵל'ן נָאךְ דִי עֲבֵירָה? עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מִקְוֶה, "מִיַּד פֵּרַשׁ", הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה.

אַלֶע פְרֶעגְן שׁוֹין, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז דִי מִקְוֶה הָאט אִים צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה?! אוֹיב אִיז עֶר אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס וִויל גֵיין זִינְדִיגְן וְכוּ', וָואס אִיז אִים אַ חִילוּק צִי עֶר וֶועט יָא גֵיין אִין מִקְוֶה אָדֶער נִישְׁט? נָאר דִי קַשְׁיָא אִיז דֶער תֵּירוּץ; דָא זֶעט מֶען וָואס מִקְוֶה אִיז, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שְׁטַארְק מִיט מִקְוֶה, עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה - וֶועט אִים דִי מִקְוֶה צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן טוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דְרֵייוְון דִי בָּאסֶעס גֶעלַאסְן אוּן נָאר לוֹיטְ'ן גֶעזֶעץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בַּאקוּם כִּמְעַט יֶעדְן טָאג נִישְׁט גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְס; סֵיי עֶלְטֶערְן רוּפְן אַרַיין זָאגְן אַז מֶען דְרֵייוְוט זֵייעֶר ווִילְד אוּן סֵיי דִי גוֹיִם דִי שְׁכֵנִים זָאגְן אַז דִי וָואס דְרֵייוְון דִי בָּאסֶעס דֶעם זוּמֶער דְרֵייוְון זֵייעֶר ווִילְד. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ דַארְף אַזוֹיפִיל מָאל בֶּעטְן מֶען זָאל דְרֵייוְון לוֹיט דִי גֶעזֶעץ, עֶס אִיז דָאךְ סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת! אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ רֶעד צוּ אַ וַואנְט.

אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ צוּרִיק גֶעבְן דִי גַאנְצֶע אַפֶּערֶעישְׁן פוּן דְרֵייוְון פַאר דִי מְלַמְדִים פוּן שְׁטֶעטְל? זֵיי דְרֵייוְון רוּאִיג, זֵיי פָאלְגְן מִיר, זֵיי דְרֵייוְון לוֹיט דִי גֶעזֶעץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ בֶּעדִינְג סוּט פַאר אַ פְרוֹי אִיז אַ פְּרִיצוּת'דִיגֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

בְּנוֹגֵעַ אוֹיב מֶען מֶעג גֵיין מִיט אַ בֶּעדִינְג סוּט אוּנְטֶער דִי שְׁווִים קְלֵייד; אַ בֶּעדִינְג סוּט פַאר אַ פְרוֹי אִיז אַ פְּרִיצוּת'דִיגֶע זַאךְ. לֵיידֶער מֵיינְט מֶען אַז דָאס אִיז אַ חוּמְרָא, מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן גוֹיִם, מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין גָלוּת, הֵייבְּט מֶען אָן זִיךְ אָפְּצוּלֶערְנֶען פוּן זֵיי, בִּיז מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ חֲסִידִי'שֶׁע פְרוּמֶע זַאךְ צוּ שְׁווִימֶען מִיט אַ שְׁווִים קְלֵייד, וֶוען דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חוּמְרָא, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְרוּמֶע זַאךְ; דָאס אִיז אַ אִידִישֶׁע זַאךְ.

אוֹיב זֶענְט אִיר נָאךְ וַוייט פוּן דֶעם, אִיר קוּקְט אוֹיף דֶעם ווִי אַ יָאנְטְשִׁי זַאךְ וְכוּ'; זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל פַאר צְנִיעוּת. צְנִיעוּת אִיז אַן אֵיידֶעלֶע זַאךְ,

נִישְׁט יֶעדֶער הָאט אִין דֶעם אַ גֶעפִיל, מֶען דַארְף זַיין אֵיידְל צוּ וֶועלְן זַיין אֵיידְל, מֶען דַארְף זַיין רֵיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין זַיין רֵיין, אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז וַוייט פוּן אֵיידְל, וַוייט פוּן זַיין רֵיין - קֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ וַואשְׁן אִין דִי נַיין טֶעג; דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז אוֹיב מֶען אִיז פַארְשְׁוִויצְט מֶעג מֶען זִיךְ וַואשְׁן בַּיי דִי פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען אִיז פַארְקְלֶעבְּט אוּן פַארְשְׁוִויצְט, דֶער אִיסוּר אִיז זִיךְ בָּאדְן פַאר תַּעֲנוּג.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מֶען קֶען זַיין אִין בְּרֶסְלֶב אוּן נִישְׁט זַיין קַיין בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר, אוּן מֶען קֶען זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן בְּרֶסְלֶב אוּן זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוָואנְדְן וואוּ מֶען אִיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַלֶע קִינְדֶער פוּן קְלַאס דַארְפְן בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ג׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּ׳ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער - תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, וָואס אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי וֶועלְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ אֵיכָה, פְּתִיחְתָּא ב): ״מָאן אִינוּן נְטוּרֵי קַרְתָּא, אֵלוּ סוֹפְרִים וּמְשַׁנִּים, שֶׁהֵם הוֹגִים וּמְשַׁנִּים וּמְשַׁמְּרִין אֶת הַתּוֹרָה בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה״, וֶוער זֶענֶען דִי וָואס הִיטְן אָפּ דִי שְׁטָאט פוּן שְׁלֶעכְטְס? דִי מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער, זֵיי הִיטְן אָפּ דִי שְׁטָאט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וְכוּ׳; קוּקְן אוֹיף בַּא׳חֵנְ׳טֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין תַּאֲוָה, חֵן וַוייזְט אוֹיף אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה. אַ בַּא׳חֵנְ׳טֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ לִיכְטִיגֶע נְשָׁמָה, עֶס אִיז דָא וואוּ דִי בְּרָכָה זָאל חַל זַיין; אַדְּרַבָּה, לֵייג אַרַיין אַסַאךְ אִין דֶעם קִינְד.

גֶעבּ אָבֶער אַכְטוּנְג אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער; עֶס קֶען פַּאסִירְן בַּיי מְלַמְּדִים מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט כַאפְּן, מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דִי בַּא׳חֵנ׳טֶע קִינְדֶער אוּן מֶען פַּארְזֶעט דִי אַנְדֶערֶע. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען פַּארְזֶען וֶוען אַ קִינְד קוּמְט שְׁפֶּעט; אוֹיבּ הָאט דֶער קִינְד חֵן בַּאקוּמְט עֶר נִישְׁט קַיין פְּסַק, אוּן דִי אַנְדֶערֶע - טְשֶׁעפֶּעט מֶען אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ג׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עַל פִּי זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶער אִיסוּר צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד; אַז מֶען שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט מֶען אָפּ אַלֶע צִינוֹרוֹת וָואס בְּרֶענְגֶען דִי שֶׁפַע.

הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, שְׁנַייד נִישְׁט דַיין בָּארְד. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״וָואס דַארְף אַ נִפְטָר זָארְגְן אַז עֶר לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת״; בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דֶער בַּאוַוייז אַז מֶען אִיז אַ אִיד, דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דֶער צֶלֶם אֱלֹקִים.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קנב ע״א; זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ נָשֹׂא קלט:): ״הַדְרַת פָּנִים, זָקָן״, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען מֶען הָאט אַ בָּארְד; מִיר דַארְפְן זַיין שֵׁיין אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי חֲכָמִים, שֵׁיין אִיז וָואס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שֵׁיין; אַז מִיר שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע שֵׁיינְקֵייט, אַז אִין אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אִיז שֵׁיין אָן אַ בָּארְד, מִיט לַאנְגֶע הָאר וְכוּ׳ - דַארְפְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דִיר לִיבּ הָאבְּן; אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דַיין תּוֹרָה, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען זָאל גֵיין, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ אִיד שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן

אִידִישְׁקֵייט", - וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִי זַאכְן.

הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע מֵיידְל, אוּן דוּ וֶועסְט מִיט אִיר אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרָאפְּגֶעגְנוּמֶען אִיבְּרִיגֶע שָׁעוֹת פוּן דִי אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט מֶער נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער, הָאסְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אִיבְּרִיגֶע שָׁעוֹת, דוּ קוּקְסְט אוֹיף תַּכְלִית. אַנְשְׁטָאט צוּ מַאכְן נָאךְ אַ דָאלֶער גֵייסְטוּ אַהֵיים צוּ דַיין מִשְׁפָּחָה, דוּ הֶעלְפְסְט דַיין וַוייבּ אוּן נָאכְדֶעם הָאסְטוּ צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אַז מֶען טְרַאכְט אַריין זֶעט מֶען אַז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פְלִיט אַרִיבֶּער וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמד, ד): "כְּצֵל עוֹבֵר"; זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", עֶס אִיז דָא אַסַאךְ עֶרְלֵיי שָׁאטְנְ'ס, אֶפְשָׁר אִיז דִי לֶעבְּן וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים אָדֶער אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל? נֵיין, נָאר וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט; וָואס וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען מִיט אוּנְז? דָאס דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

אִיךְ בִּין שְׁטָאלְץ צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל; אִינְגֶעלַייט וָואס טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית.

...

### ווען מען וואלט געהאט יִשּׁוּב הַדַּעַת, וואלט מען זיך צוריקגעקערט צום אייבערשטן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מיין טייערער ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך האב זייער הֲנָאָה געהאט צו זיין מיט דיר דעם פארגאנגענעם וואך אין שטעטל, איך האב באטראכט דיין סֵדֶר הַיּוֹם; איך בין זייער איבערגענומען ווי דו דאווענסט און דו לערנסט, איך האב געזען ווי דו נוצט אויס די צייט מיט גוטע זאכן.

איך האף דו האסט הֲנָאָה געהאט צו זיין און שטעטל, דו וועסט מיט נעמען די חיזוק מיט דיר; ווייטער לערנען און דאווענען. זיך מִתְבּוֹדֵד זיין יעדן טאג, זיך מְיַשֵּׁב זיין 'מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה?' ווי דער רֶבִּי זאגט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "וְהָעִקָּר לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'", ווען מען וואלט זיך מְיַשֵּׁב געווען, מען וואלט אריינגעטראכט 'וואס האט מען פון די וועלט?' דעמאלט וואלט מען זיך צוריק געקערט צום אייבערשטן; ווייל ווען מען וואלט געהאט יִשּׁוּב הַדַּעַת וואלט מען זיך צוריק געקערט צום אייבערשטן.

דאס באקומט מען דורך הִתְבּוֹדְדוּת. אז מען מאכט זיך א סֵדֶר יעדן טאג צו רעדן מיט'ן אייבערשטן, באקומט מען אביסל יִשּׁוּב הַדַּעַת.

...

### נישטא פארוואס צו זיין דעפרעסט און טרויעריג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

איך פריי זיך זייער אז איר שטארקט זיך, איר זענט שוין מער פרייליך, איר שלאגט זיך מיט אלע כֹּחוֹת נישט צו ווערן בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "וְדַע", זָאלְסְט וִויסְן, "שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ", גְּלַייךְ וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִּינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲזַי תֵּכֶף הִיא עֲבֵרָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת, חַס וְשָׁלוֹם", אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אַז מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט, "כִּי עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אָחֳרָא", אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (זֹהַר נח, דַּף עא) אַז עַצְבוּת אִיז פוּן דִי קְלִיפּוֹת, פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, "וְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר פַּיינְט אַז מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג.

דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיר גֵייט שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיר גֵייט מֶער נִישְׁט זַיין דֶעפְּרֶעסְט.

אִין אֱמֶת'ן אַרַיין הָאט אִיר נִישְׁט אוֹיף וָואס צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט, אִיר הָאט נָאר גוּטְס; אִיר הָאט זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶער מַאן אוּן אִיר אַלֵיינְס זֶענְט אַ גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת; פַארְוָואס זָאלְט אִיר וֶוערְן בְּעַצְבוּת? עֶס אִיז קְלָאר אַז דִי עַצְבוּת קוּמְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע וָואס זֵיי ווִילְן אַייךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן.

...

## אַז מֶען וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וֶוער מֶען אִיז, קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועק נֶעמֶען אָדֶער אַוֶועק שְׁטוּפְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עט): "עַל יְדֵי זֶה שֶׁזּוֹכִין לִרְאוֹת שִׁפְלוּתוֹ בֶּאֱמֶת", אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וִויסְן וֶוער מֶען אִיז, מֶען וֵוייסְט ווִי נִידְרִיג מֶען אִיז, "עַל יְדֵי זֶה אֵין שׁוּם אָדָם יָכוֹל לְהוֹצִיאוֹ וּלְדָחוֹתוֹ מִמְּקוֹמוֹ", קֶען מֶען אִים נִישְׁט אַוֶועק שְׁטוּפְּן פוּן זַיין פְּלַאץ, "דְּהַיְנוּ לְקַפֵּחַ פַּרְנָסָתוֹ, חַס וְשָׁלוֹם", מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען דִי פַּרְנָסָה, "כִּי מֵאַחַר שֶׁהוּא עָנָו וְשָׁפָל בֶּאֱמֶת", אַז מֶען אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, - "הוּא בִּבְחִינַת אַיִן, וְאֵינוֹ תַּחַת הַמָּקוֹם כְּלָל, עַל כֵּן,

בְּוַדַּאי אֵין יְכוֹלִין לְדָחוֹתוֹ מִמְּקוֹמוֹ".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אַנְשְׁטָאט זָאלְסְט מוֹרָא הָאבְּן טָאג אוּן נַאכְט אַז מֶען גֵייט דִיר צוּנֶעמֶען פַּרְנָסָה, דוּ גֵייסְט פַארְלִירְן אַ קָאסְטוּמֶער, גֵייסְט פַּארְלִירְן גֶעלְט, אֵיינֶער גֵייט דִיר אוֹיסְכַאפְּן וְכוּ' וְכוּ', - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; טוּ תְּשׁוּבָה, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה, וֶועסְטוּ וֶוערְן בַּיי זִיךְ מֶער אוּן מֶער בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט מֶען דִיר נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הֶעלְפְט אוּנְז, וָואס דֶערְנֶענְטֶערְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**נֶעם נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען דַיין בַּעַל הַבַּיִת שְׁרֵייט אוֹיף דִיר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת דְבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן פַאר גֶעלְט, פַאר אַפָּאר דָאלֶער שְׁרֵייעֶן זֵיי אוֹיף זֵייעֶרֶע אַרְבֶּעטֶערְס, זֵיי פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ' וְכוּ'. עֶס זֶענֶען דָא בַּעֲלֵי בָּתִּים וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסָּיוֹן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זֵייעֶר גֶעלְט; זֵיי פַארְשֶׁעמֶען, זֵיי כַּעֲסְ'ן, זֵיי טְרַאכְטְן נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן, נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען דַיין בַּעַל הַבַּיִת שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, וֶוען עֶר זֶעט דִיר אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אִין דִי צַייט וָואס דוּ דַארְפְסְט שׁוֹין זַיין בַּיי דִי אַרְבֶּעט אוּן עֶר פְלִיקְט דִיר וְכוּ'; דוּ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּצוּשְׁטֶעלְן דָאס מֶערְסְטֶע, אוּן אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, טְרַאכְט צוּ זִיךְ 'דָאס אִיז זַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְקְנֶעכְטֶעט פַאר זַיין גֶעלְט'.

אוֹיבּ אִיז דִיר גָאר בִּיטֶער, דוּ קוּמְסְט אַהֵיים מִיט אַן אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז - קֶענְסְטוּ זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה, אָבֶּער דָאס זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען, יֶעדֶע פְּלַאץ הָאט מַעֲלוֹת אוּן חֶסְרוֹנוֹת.

דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט.

...

## אַרַיינְשְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְצוּפְרִישְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, פַּארְיָאר פְּלֶעגְסְטוּ אַרוֹיסְקוּמֶען זוּמֶער מִזְּמַן לִזְמַן; אִיךְ טְרַאכְט עֶס אִיז כְּדַאי דִי הוֹצָאוֹת הַדֶּרֶךְ אוּן דִי טִירְחָא זִיךְ אַרַיין צוּ שְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְפְרִישְׁן, אָנְפִילְן דִי בֶּעטֶערִי.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; אִיךְ הָאף אַז דוּ רִישְׁט זִיךְ צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכ, תגג): ״רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מִיר אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן״. הַיי יָאר קֶען מֶען פָארְן פַאר שַׁבָּת, אוֹיךְ קֶען מֶען פָארְן נָאךְ שַׁבָּת; דָאס הֵייסְט מֶען פָארְט אַרוֹיס מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף פָאר אִיךְ קַיין אוּמַאן פַאר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, מִיר דַאוְוענֶען מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן צוּרִיק קוּמֶען מִיט תִּיקוּנִים אוּן יְשׁוּעוֹת.

...

## פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן תַּכְלִית

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

זֶעט אוֹיס דִי שְׁטֶעטְל אִיז שׁוֹין גְרוֹיס, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן וָואס אִיךְ בִּין דָא זוּמֶער אוּן עֶס אִיז מִיר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן מִיט

דִיר אָדֶער אֲפִילוּ דִיר בַּאגְרוּסְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג בַּיי עֶנְק. דַיינֶע קִינְדֶער זֶע אִיךְ יָא, אִיךְ זֶע זֵיי אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; מִיר זֶענֶען דָאךְ בַּיים בַּעַל תְּפִלָּה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) וָואס עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין זָאגְן: "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית בָּזֶה הָעוֹלָם נָאר צוּ דִינֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא"; לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דַאוֶונֶען דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין - נָאר דָאס אִיז תַּכְלִית, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז הֶבֶל הֲבָלִים.

אִיךְ הָאף דִיר צוּ בַּאגְרִיסְן, צוּ הָאבְּן מִיט דִיר שִׂיחוֹת חֲבֵרִים.

...

### אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעקִילְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר; אִיךְ וֵוייס נִיטְאָמָאל וואוּ דוּ וואוֹינְסְט. אִיךְ בִּין בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ וֶועל דִיר טְרֶעפְן דָא, דוּ פְלֶעגְסְט דָאךְ וואוֹינֶען דָא אִין גֶעגֶנְט (אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ וואוֹינְסְט נָאךְ דָא).

גֶעדֶענְקְסְט דִי טֶעג וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן? וִויפִיל חִיזוּק דוּ הָאסְט גֶעטְרִינְקֶען מִיט דוּרְשְׁט, דוּ פְלֶעגְסְט זָאגְן וִוי דוּ בִּיסְט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ' מִיט דִי דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת, מִיט דִי עֵצוֹת. אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעקִילְט, אִיךְ הָאף אַז דוּ וִוילְסְט נָאכְאַלְץ זַיין אַ אִיד, דוּ בֶּענְקְסְט נָאךְ, דוּ וִוילְסְט נָאךְ, דוּ וַוארְטְסְט נָאךְ וְכוּ' וְכוּ'.

טֵייעֶרֶער ..., דָא בַּיי אוּנְז הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוֹישְׁט, מִיר רֶעדְן דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים פוּן אַמָאל, אוֹיבּ מֶען שְׁפִּירְט (דְבָרִים לב, מז): "רֵק הוּא", זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א): "מִכֶּם", אִיז דָאס פוּן דִי אִידְן, נִישְׁט

פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

אַז דוּ וֶועסְט מִיר שְׁרַייבְּן וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶ׳ זַיין.

...

## דִי שִׁיעוּרִים שְׁלֶעפְּן צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט גֶעטוּן אַ קְלוּגֶע זַאךְ מִיטְ׳ן קוּמֶען זוּמֶער אִין שְׁטֶעטְל, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְפְּרִישְׁן מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים, יֶעדְן טָאג אִיז דָא לְכָל הַפָּחוֹת צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אִינְדֶערְפְרִי דִי גְמָרָא שִׁיעוּר אוּן בַּיינַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת. דִי שִׁיעוּרִים וֶועקְן אוֹיף צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שִׁיעוּרִים שְׁלֶעפְּן צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג נָאךְ דִי חֲתוּנָה צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר מִיט דִי פְּלַאץ.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגָה דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען. וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶוער עֶס לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת - וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ זֶע דִיר קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה - פְרֵיי אִיךְ זִיךְ.

...

## דִי סְגוּלָה פוּן וַויין וָואס אַ צַדִיק הָאט גֶעקוּקְט דֶערוֹיף

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב גֶעהַאט אַזַא מַעֲשֶׂה נָאךְ אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאב גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא״שׁ אַז אִיךְ דַארְף אַ בְּרָכָה פַאר מַיין וַוייבּ, וִויפִיל זִי פְּרוּבִּירְט - הַאקְט זִיךְ עֶס אָפּ וְכוּ׳; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן: ״אִיךְ קוּם הַיינְט נַאכְט קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ וֶועל דִיר עֶפֶּעס בְּרֶענְגֶען״, אִיךְ

הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, 'עֶפֶּעס בְּרֶענְגֶען? וָואס?' אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט, אוּן מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מִיר: "אִיךְ בְּרֶענְג דִיר אַ סְגוּלָּה פוּן רֶבִּי'ן", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם אַנוּנְג וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט.

בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן מוֹהֲרָא"ש בַּיי דִי חֲתוּנָה, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ בָּאטְל גְרֶעיפְּפְרוּט [?]

הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ בָּאטְל גְרֶעיפְּפְרוּט

טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. יֶעדֶעס מָאל עֶס פַּאסִירְט אַ פַּחַד, דוּ הֵייבְּסְט אָן מוֹרָא הָאבְּן, זָאג דִי וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מִיךְ, וַואטְשׁ מִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן".

יֶעדֶעס מָאל עֶס קוּמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, זָאלְסְטוּ זָאגְן שְׁטִילֶערְהֵייט דִי תְּפִלָּה - וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין אַלֶע פְּחָדִים.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת וֶועלְן בְּקָרוֹב אַוֶועקְגֵיין; אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס.

...

### אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

הָאסְט מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶועזְן אַז דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא 'תִּיקוּנֵי זוֹהַר'; דוּ הָאסְט מַמָּשׁ יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען. אִיךְ הָאף מָארְגְן מְסַיֵּים צוּ מְסַיֵּים זַיין נָאכְאַמָאל דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אִינֶעם יָארְצַייט פוּנֶעם אֲרִיזַ"ל.

מוֹהֲרַאַ"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז מְעוֹרֵר זַיין מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ תִּיקוּנִים, בִּפְרַט אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים וָואס מִיר קְלָאגְן אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זוּכְט אַ הוֹיז וואוּ צוּ וואוֹינֶען. וַוייל אִין דִי הַקְדָּמָה זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אַז מִיט דֶעם חִבּוּר 'תִּיקוּנֵי זוֹהַר' וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ נֶעסְט פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה; אִיז דָאךְ פַּאסִיג צוּ לֶערְנֶען יֶעצְט אַסַאךְ תִּיקוּנִים.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הֶעלְפְסְט אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם נֵייעֶם אַלְבּוּם; אִיךְ טְרַאכְט זָאלְסְט גֶעבְּן אַ נָאמֶען דֶעם אַלְבּוּם: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער", וַוייל אוּנְזֶער דוֹר אִיז אַזוֹי גֶעפַאלְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מַמָּשׁ

נִישְׁט בַּיי זִיךְ, יֶעדֶער לַיידְט פוּן אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת; דִי רְפוּאָה פַאר דֶעם אִיז נָאר אֱמוּנָה, אַיינְ׳חַזֶר׳ן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל: **׳אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין׳.**

...

## דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין נָאנְט, דוּ וֶועסְט פַארְגֶעסְן אִינְגַאנְצְן פוּן דִי צָרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע דַיין צֶערִיסֶענֶע הַארְץ, אִיךְ זֶע דַיין וֵוייטָאג, וִוי שְׁטַארְק דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ, אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר יֶעדְן טָאג צוּ טוּן פַאר דַיין שִׁידוּךְ; מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ פַארְגֶעס פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ אִינְזִין אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן אַלֶע בָּחוּרִים וֶועם אִיךְ וֵוייס, אֲפִילוּ דִי וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער ..., בְּלַייבּ שְׁטַארְק, דֶערְהַאלְט זִיךְ; בַּאלְד וֶוערְט טָאג, עֶס וֶועט פַארְגֶעסְן וֶוערְן אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען נַאכְט. אַזוֹי הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד גֶעזָאגְט פַאר׳ן אֶמֶת׳ן בֶּן מֶלֶךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא), וֶוען עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דָאס דִי גְרוֹיסֶע גֶעלֶעכְטֶער וָואס מֶען הֶערְט אִינְדֶערְפְרִי, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, דִי נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג פַארְוָואס וֶוען דוּ קוּמְסְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין נָאמֶען? טוּט דֶער טָאג אַ גְרוֹיסֶע גֶעלֶעכְטֶער, עַיֵּין שָׁם.

דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי יְשׁוּעָה, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, מֶען פַארְגֶעסְט בִּכְלַל אַז אַמָאל אִיז מֶען גֶעוֶוען אִין אַ צָרָה.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

## מִיטְ'ן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גוּטֶע עֵצָה גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער, אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן בֵּיידֶע דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער בַּאזוּנְדֶער. אוֹיסְרֶעכֶענֶען זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אוּן אוֹיף יֶעדְן קִינְד דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת; וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי הַארְץ, נָאכְדֶעם קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן צַייט אַפָּאר מִינוּט; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר גֶעבְּט דִיר, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן דַיינֶע בַּקָשׁוֹת.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וָואס זָאל זִיךְ דִיר זָאגְן; דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֶדֶן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ 'צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ', דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי עֵצוֹת.

...

## אַ פְרִישֶׁע מִקְוֶה טָהֳרָה מִיט אַלֶע דִקְדוּקִים אוּן אַלֶע הִדוּרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה' נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ, אַז מֶען הָאט גֶעגָאסְן דִי מִקְוֶה בַּיי דִיר; אַ מִקְוֶה טָהֳרָה מִיט אַלֶע דִקְדוּקִים אוּן אַלֶע הִדוּרִים.

דֶער דַיָין שְׁלִיטָ"א אִיז דָארְט גֶעוֶוען אוּן גֶעגֶעבְּן דֶעם הֶכְשֵׁר, עֶר זָאגְט מִיר אַז דִי מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר מְהֻדָּר.

אוֹיךְ דֶער וִויזְנִיצֶער דַיָין שְׁלִיטָ"א, בְּנוֹסָף - דִי צְוֵויי מוּמְחִים, ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן הָרַב ר' יִצְחָק טְרִיגֶער שְׁלִיטָ"א הָאבְּן זֵייעֶר בַּאוואוּנְדֶערְט דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט.

דִי מִקְוֶה הָאט אַ מַעֲלָה אַז עֶס אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים; דִי חָשׁוּבֶ׳ע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט הָאבְּן דָאס גֶעמַאכְט פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז׳ן סוֹף, דִי גְרוֹבּ הָאבְּן דִי בָּחוּרִים גֶעגְרָאבְּן. דֶער מוּמְחֶה הָרַב טְרִיגֶער שְׁלִיטָ״א הָאט זִיךְ מְפַלְפֵּל גֶעוֶוען מִיט זֵיי, עֶר זָאגְט מִיר: ״דִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן אִינֶעם זְכוּת וָואס דוּ אוּן דַיין וַוייבּ הָאבְּן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אַייעֶר דִירָה פַאר אַ מִקְוֶה טָהֳרָה, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת, עֶס זָאל זַיין שְׂמָחוֹת בַּיי דִיר שְׁטֶענְדִיג.

...

## דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר צַאמְנֶעמֶען דִי פְרוֹיעֶן אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי אוֹצְרוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

הֱיוֹת עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע פַארְזַאמְלוּנְג דַארְף מֶען אַבִּיסְל טוֹישְׁן דֶעם פְּרָאגְרַאם. כָּל זְמַן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע צָאל פְרוֹיעֶן הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל פְרוֹיעֶן קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן דִי זַאךְ אַז אַלֶע זָאלְן זִיצְן שְׁטִיל אוּן הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, דִי פְרוֹיעֶן זָאגְן אַז זֵיי שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זֶענֶען צוּרִיק אִין שׁוּלֶע, מֶען מוּז זִיצְן שְׁטִיל פַאר אַ שָׁעָה צַייט.

נִישְׁט דָאס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי צַאמְקוּם, אִיךְ טְרַאכְט אֲפִילוּ צוּ מְבַטֵל זַיין דֶעם שִׁיעוּר; נִישְׁט אַלֶע פְרוֹיעֶן ווִיל זִיצְן אַ שָׁעָה אוּן הֶערְן אַ שִׁיעוּר, שִׁיעוּרִים קֶען מֶען הֶערְן אוֹיף דִי הַאטְלֵיין, דִי צַאמְקוּם אִיז פַאר אֵיין צִיל, אַבִּיסְל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיט חַבֶרְ׳טֶעס, טַאנְצְן, זִינְגֶען אוּן מַאכְן אַ לֶעבְּן.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט מֶען שׁוֹין קֶענֶען טַאנְצְן, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז עֶס זָאל זַיין עֶרְלִיכֶע נִיגוּנִים און זִינְגֶערְס עֶרְלִיכֶע אִידְן. קְלוֹיבְּט אוֹיס לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים, מֶען זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

אַדְרַבָּה, פְרֶעגְט דִי פְרוֹיעֶן אוֹיב עֶס פֶעלְט אוֹיס יֶעדֶע וָואךְ אַ שִׁיעוּר.

...

### וואוֹיל אִיז פַאר אַ פְרוֹי וָואס שֶׁערְט זִיךְ אָפּ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת דְבָרִים, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

פוּן וֶוען אִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר - בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ פַאר אַייךְ און אַייעֶר מַאן, אִיר הָאט יֶעצְט אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, הֵיילִיגֶער דוֹרוֹת.

וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דִי קְלִיפּוֹת און שֵׁדִים וָואס לִיגְן אוֹיף דִי הָאר, דִי סַכָּנָה פוּן הָאר - וָואלְטְן אַלֶע פְרוֹיעֶן גֶעלָאפְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן.

וואוֹיל אִיז אַייךְ און וואוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק.

...

### זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן און עֶנְטְפֶערְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת דְבָרִים, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים בִּכְלַל און אוֹיף תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בִּפְרַט. דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל", אוֹיף מִיר קְרִיגְט מֶען נִישְׁט, "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַה מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; אַזוֹי אִיז הַיינְט מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים

בִּכְלָלִיּוּת און תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בִּפְרָטִיּוּת, מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז כָּל דָּבָר אָסוּר, זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס כְּדֵי דוּ זָאלְסְט הָאבְּן חִיזוּק יֶעצְט וֶוען דַיין שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ עֶנְקֶערֶע בֵּיינֶער, זֵיי פַארְלַאנְגֶען פוּן עֶנְק אִיר זָאלְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זֵיי רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיינֶע זַאכְן; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִיר און בְּעִיקָר פַאר דַיין וַוייבּ, וֶוען אִיר מַאמֶע רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אוּנְזֶער פְּלַאץ.

עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, טַעֲנָה'עט נִישְׁט; אַז מֶען פְרֶעגְט זָאלְט אִיר זָאגְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיבּ דִי זַאכְן זֶענֶען אֱמֶת אָדֶער נִישְׁט אֱמֶת. אַז אִיר וֶועט נִישְׁט טַעֲנָה'ען וֶועט נִישְׁט לַאנְג נֶעמֶען בִּיז זֵיי וֶועלְן זֶען וָואס הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז, זֵיי וֶועלְן זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען: "נָאר מַיינֶע קִינְדֶער פוּן בְּרֶסְלֶב זֶענֶען אוּנְזֶער נַחַת".

...

### נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זִיךְ, נָאר מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעזָאגְט און גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל רֶעדְן פַאר דִי פְּרוֹיעֶן, זִי דַארְף מִיר נִישְׁט אִיבֶּערְפְרֶעגְן יֶעדֶעס מָאל מֶען בֶּעט אִיר וְכוּ'.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה אַז דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ פַאר דִי פְּרוֹיעֶן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שִׁיעוּר אוֹיף וִויפִיל הִתְחַזְּקוּת מֶען קֶען גֶעבְּן; כָּל זְמַן מֶען קוּמְט צוּ אִיר, מֶען בֶּעט אִיר זִי זָאל רֶעדְן - אִיז זִי מְחוּיָּב צוּ רֶעדְן. זָאג אִיר אַז זִי קֶען נִישְׁט אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ', זִי וִויל גָארְנִישְׁט, זִי וֶועט זִיךְ נָאר פְרֵייעֶן אַז נָאךְ פְּרוֹיעֶן גֶעבְּן שִׁיעוּרִים.

מִיר הָאבְּן אַ פְלִיכְט דָאס צוּ טוּן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מְחַזֵּק זַיין מֶענְטְשְׁן; מְחַזֵּק זַיין נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן, מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אִיז אַ

גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי זוּכְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וְכוּ׳.

זַיי אִיר מְחַזֵק זִי זָאל מְחַזֵק זַיין דִי טֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן, מִשְׁפָּחוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; זָאג אִיר זִי זָאל אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן אַזוֹיפִיל פוּן זִיךְ. דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִין קָאפּ ׳אִיךְ בִּין יָא וֶוערְד צוּ קוּמֶען רֶעדְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְד צוּ קוּמֶען רֶעדְן וְכוּ׳ וְכוּ׳׳, דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, וַוייל וָואס אִיז אַ חִילוּק וָואס מֶען אִיז? וֶועם גֵייט אָן וָואס זִי אִיז? דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַהֵיים מִיט חִיזוּק.

שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט שְׁרֵייעֶן ״הַצָּלָה!״ דֶער מֶענְטְשְׁן קֶען גֶעבְּן עֶרְשְׁטֶע הִילְף, עֶר קֶען יֶענֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם לֶעבְּן, אָבֶער עֶר טְרַאכְט: ׳בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד?׳ עֶר טְרַאכְט: ׳אַלֶע קוּקְן וִוי אִיךְ לוֹיף מִיט מַיין לֵייטְס אוּן סֵייִרִינְס וְכוּ׳ וְכוּ׳׳, וֶועם גֵייט אָן דִי זַאכְן? דֶער עִיקָר אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט.

זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי פַאלְשֶׁע עֲנָוָה, פוּן הַיינְט אוֹיבּ אֵיינֶער רוּפְט אִיר - זָאל זִי רֶעדְן.

וֶוען זִי רֶעדְט זָאל זִי רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן.

...

## אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶוערְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק פְּרָאבְּלֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּן זִיךְ אָן אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן. אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַאלְט מֶען נָאכְדֶעם אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת, נָאכְדֶעם וֶוערְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק פְּרָאבְּלֶעם; מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה, שָׁלוֹם בַּיִת, קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קח): ״הָאָדָם בִּשְׁבִיל תַּעֲנוּג קָטָן אֶחָד

שֶׁל רֶבַע שָׁעָה הוּא יָכוֹל לְאַבֵּד וּלְהַפְסִיד כָּל הָעוֹלָם הַזֶּה עִם הָעוֹלָם הַבָּא. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא"; דָאס זֶעט מֶען נֶעבֶּעךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נִסָּיוֹן אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר טוּט שְׁמוּץ - פַארְלִירְט עֶר נָאכְדֶעם זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן עֶר בְּלַייבְּט אַלֵיין רַחֲמָנָא לִצְלָן.

לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; מֶען הָאט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶּכֶת סוּכָּה, כַאפּ זִיךְ מִיט. גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רי"ד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁטָא קַיין שׁוּם תֵּירוּץ פַאר אַ מְלַמֵּד צוּ קוּמֶען שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַמְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דַיין מֶעסִידְזְשׁ.

גֵיין אִין מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה, נָאכְמֶער דַארְפְן מְלַמְּדִים זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף טְבִילָה; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מְלַמְּדִים, שׁוֹחֲטִים אוּן סוֹפְרִים דַארְפְן נָאכְמֶער נִזְהָר זַיין אִין דֶעם.

אַוַודַאי דַארְף מֶען זִיךְ מְסַדֵּר זַיין אַ סֵדֶר אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְרִי גֵיין אִין מִקְוֶה,

דַאוֶונֶען און עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית - אֵיידֶער מֶען גֵייט אִין חֵדֶר, אָבֶער אַז מֶען אִיז פַארְשְׁלָאפְן קֶען מֶען נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר חַס וְשָׁלוֹם. דִי קִינְדֶער קוּמֶען פַאר אַלֶעמֶען, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם תֵּירוּץ צוּ קוּמֶען שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר. אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט זְמַנִּים, מֶען קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ - אִיז דָאס אַ מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן, אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ).

וֶוען מֶען בַּא׳גַנְבְ׳עט אַ צְוֵוייטְן, פוּן אַ שָׁוֶה פְּרוּטָה בִּיז אַ מִילְיָאן דָאלֶער - קֶען מֶען דָאס בַּאצָאלְן, אָבֶער אַז מֶען קוּמְט אִין חֵדֶר שְׁפֶּעט, אָדֶער מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ און מֶען גֵייט אַוֶועק, מֶען גֵייט שְׁמוּעֶסְן אָדֶער מֶען אִיז עוֹסֵק אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן - אִיז מֶען אִין דִי כְּלַל פוּן אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה׳ רְמִיָּה (עַיֵּין רַמְבַּ"ם פֶּרֶק ב׳ מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ד).

דֶערִיבֶּער, אַז מֶען אִיז פַארְשְׁלָאפְן לֵייגְט מֶען אַלֶעס אִין דִי זַייט און מֶען גֵייט צוּ דִי קִינְדֶער, שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען גֵיין אִין מִקְוֶה וְכוּ׳.

אִיךְ הָאף אַז אַלֶע מְלַמְּדִים זֶענֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר; אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אוֹיב מְלַמְּדִים קוּמֶען נִישְׁט צַייטְלִיךְ, וֶועל אִיךְ זֵיי פַארְשִׁיקְן.

...

מִיר בֶּעטְן און מִיר הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אִין אוּמַאן
בַּיים רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזֶען; אִיךְ הָאף דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן און מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיר עֶרְלֶעדִיגְן טִיקֶעטְס צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן פַאר מִיר און מַיינֶע קִינְדֶער. פַארְיָאר הָאבְּן מִיר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן, מֶען הָאט פַארְשְׁפַּארְט דִי גְרֶענִיץ צוּלִיב קָארָאנֶע; מִיר בֶּעטְן און מִיר הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי יָאר וֶועלְן

מִיר יָא זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעגְרֵייט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט דִיר צוּ בַּאצָאלְן פַאר דִי טִיקֶעטְס, זַיי מִיר מוֹדִיעַ וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל דִיר שִׁיקְן דִי גֶעלְט. אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר בַּאשְׁטֶעלְן אַ וֶועג פוּן עֶירְפָּארְט צוּ אוּמַאן, פַאר מִיר אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיף דֶעם אוֹיךְ בַּאצָאלְן.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִידִישׁ; וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

### מִיט אַ חֲבוּרָה הַאלְט מֶען זִיךְ פְּרִישׁ בַּיים רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן הָאבְּרֶךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אַז דוּ קוּמְסְט צוּ דִי חֲבוּרָה אִין ...., דוּ קוּמְסְט צוּם דַף שִׁיעוּר.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אֵיינֶע פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן אִיז "נְקוּדַּת הֶחָבֵר". דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לד): "וְגַם צָרִיךְ כָּל אָדָם לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם", יֶעדֶער דַארְף הָאבְּן אַ חָבֵר מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, "כְּדֵי לְקַבֵּל הִתְעוֹרְרוּת בְּלִבּוֹ מֵהַנְּקֻדָּה שֶׁיֵּשׁ בַּחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמֶּנּוּ", צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי נְקוּדָּה פוּן זַיין חָבֵר, "לְעוֹרֵר אֶת לְבָבוֹ", זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן דָאס הַארְץ, "וְיָסִיר מִמֶּנּוּ עָרְלַת לֵב", אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע; עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אַז דוּ גֵייסְט צוּ דִי חֲבוּרָה, דָאס הַאלְט פְּרִישׁ מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ קוּמְסְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן. פַאר יֶעדְעם אִיז שְׁוֶוער דִי נְסִיעָה, יֶעדֶער הָאט מְנִיעוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען; דֶער הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אַ צְוֵייטֶער גֵייט פַארְלִירְן זַיין פַּרְנָסָה, דֶער הָאט מִיט זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, זֵיי וָוארֶענֶען אִים אַז זֵיי גֵייעֶן אַהֵיים נֶעמֶען דִי טָאכְטֶער. אַז מֶען וֵוייסְט וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז, מֶען מִשְׁפָּט דֶעמָאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ: "מִי

יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בִסְקִילָה״, - דֶעמָאלְט וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע מְנִיעוֹת, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען לוֹיפְט צוּם רֶבִּי'ן פַּארְ'ן לֶעבְּן, מֶען הֶערְט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיס, נָאר דֶעם רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט: ״קוּמְט צוּ מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ וֶועל זַיין עֶנְקֶער מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן עוֹרֵךְ דִּין״.

...

### דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ עֶסְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע אוֹיב דוּ זָאלְסְט גֵיין עֶסְן בַּיי מִשְׁפַּחַת ...., עֶר רוּפְט דִיר צוּ קוּמֶען עֶסְן בַּיי אִים דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן אַלֵיינְס דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת? עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זַיין שַׁבָּת אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; אַז אִים אִיז נִמְאָס זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ מַאכְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת נָאר וֶוען עֶס קוּמֶען צוּ אִים פְרֶעמְדֶע וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין.

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, זוּךְ נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ פְרֶעמְדֶע הַייזֶער; עֶס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## דִי נַייעֶ וֶועג פִירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; וֶוער וִויל הֶערְן דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אִין וֶועג אוּן אִינְמִיטְן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער פָארְן, דִי וֶועג אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶעלֵייגְט מִיט וֶועגֶענֶער, דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעקֶענְט מִיט זַייטִיגֶע וֶועגְן, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעדְרֵייט דִי פֶערְד זָאלְן אַרַיין פָארְן אִין וַואלְד אוּן עֶר זָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "אִיךְ נֶעם אַ נֵייעֶם וֶועג, אָבֶּער בַּאלְד וֶועט אִיר זֶען וִוי דִי נֵייעֶ וֶועג פִירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג".



צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג

דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי אִיז זֵייעֶר צוּפֵייעֶרְט גֶעוָוארְן, דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: ״דָאס טוּ אִיךְ, אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּן וֶועג, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ נֵייעֶם וֶועג, אָבֶער דִי נֵייעֶ וֶועג פִירְט צוּ דִי גָאר אַלְטֶע וֶועג, דִי וֶועג וָואס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען; בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, וֶוער עֶס הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ צַדִיק הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶועג פוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן, אָבֶער

יֶעצְט, זָאגְט דֶער רֶבִּי, הָאבּ אִיךְ אַ נַייעֶם וֶועג, אַ וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָה; וֶוער עֶס וִויל זַיין אַ צַדִּיק דַארְף שׁוֹין נִישְׁט פַּאסְטְן, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָה קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק״.

אַלֶע קִינְדֶער וַוייסְן שׁוֹין יֶעצְט וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ צַדִּיק; אַז מֶען רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז גֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן, מֶען בֶּעט אִים: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק״, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק.